# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Der neyer "Seyfer ha-droshes̀"

a bukh fir ale Iden ; enṭhalṭ ariber hunderṭ droshes̀

Sefer Be-reshit - parashot Ṿa-yera, Ḥaye Śarah


**Shṿemer, Shemuʾel**
**שוועמער, שמואל**



**Iaşi, 1937**


Parasha Chajej Sarah


**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-4437**



Visual Library

# חיי שרה.

## א.

## טעמא: אונזער מוטער שרה א מוסטער פון א העכט אידישע פרוי.

די סדרה אין וועלכער עס ווערט דערציילט פון אונזער מוטער שרה'ס שטאַרבען הייסט, חיי שרה, אזוי הייסט אויך די סדרה וועלכער דערציילט אונז פון אונזער פאָטער יעקב'ס שטארבען, ויחי, ווייל אין אמת איז נישט שייך צו זאָגען אויף א גוטען און פרומען מענש אז ער איז געשטאָרבען, אזוי ווי אונזערע חכמים זאגען, צדיקים אפילו במיתתן קרוין חיים [1]) גוטע און פרומע לייטע ווערען אפילו נאך זייער אבלעבען אנגערופען לעבדיגע און דאריבער זאָגען טאַקי אונזערע חכמים אויף מערערע פון אונזערע גייסטיגע העלדען אז זיי זענען נישט געשטאָרבען אזוי נעפונען מיר, יעקב אבינו לא מת [2]) משה לא מת [3]) ווייל אין אמת שטאַרבען אזעלכע גרויסע לייטע נור קערפערליך, אבער זייער גרויסער גייסט, זייער גרויסע נשמה לעבט אויך נאך דעם וואס זייער קערפער איז געשטאָרבען. אזוי ווי די תורה זאָגט אונז טאַקי אין דער היינטיגער סדרה, ותמת שרה בקרית ארבע הוא חברון [4]) אין דיזען פסוק איז אנגעדייטעט דער דערמאָנטער געדאנק, דער קערפער פון'ם מענש ווערט בדרך מליצה אנגערופען, קרית ארבע, ווייל ער באַשטעהט פון פיר הויפט יסודות, אש, עפר, רוח, מים. פייער, ערד, לופט און וואַסער, און דער פראָצעס פון'ם מענשען'ס שטארבען מאַניפעסטירט זיך דערמיט וואס די דאזיגע פיר יסודות פארלאָזען איהם, אזוי ווי מיר זעהען אז יעדער לעבעדיגער מענש האָט אין זיך א נאַטירליכע ווארים, א חום הטבעי, דאס איז דער יסוד האש וואס איז פארהאַן אין זיין קערפער, ווען דער יסוד האש פארלאָזט אבער דעם מענשענס גוף, און ער בעזיצט נישט די געוויסע גראדען נאטירליכע ווארעם, קען דער מענש נישט עקזיסטירען און ווען ער שטארבט איז שוין זיין קערפער גענצליך קאלט, ווייל דער יסוד האש האָט איהם פארלאָזט, דאס זעלבע איז מיט דעם יסוד המים, די נאַטירליכע פליסיגקייטען וואס איז פארהאנען אין מענשען'ס גוף כל זמן ער לעבט, ווען דיזער יסוד האט איהם פארלאָזט און דער מענש שטאַרבט, איז שוין אין זיין טויר־

1) ברכות י״ח. 2) תענית ה׳. 3) סוטה י״ג. 4) בראשית כ״ג.

טען קערפּער נישטא קיין שום פליסינקייט, אזוי איז אויך מיט דעם יסוד הרוח, וויפיל דער מענש לעבט אטעמט ער אריין אין זיך יעדע סעקונדע פרישע לופט אין זיינע לינגען, ווען דיזער יסוד פארלאזט אבער דעם מענשען מוז ער שטארבען, אזוי פארלאזען דעם מענשען אלע דערמאנטע יסודות נאך זיין אבלעבען און עס בלייבט אין זיין גוף נור דער יסוד העפר, אזוי ווי די תורה זאגט, כי עפר אתה ואל עפר תשוב[1]) וועלכער ווערט אויך מיט דער צייט אויפגעלעזט ליענענדיג אין קבר, דאס איז אבער גערעדט נור פון די פיר יסודות וועלכע פארלאזען דעם מענשענס קערפּער נאך זיין טויט, וואס אנבעטריפט זיין גייסט, זיין נשמה, די בלייבט א לעבעדיגע אויך נאך דעם מענשענס קערפּערליכען שטארבען, דאס זאגט די תורה, ותמת שרה בקרית ארבע, שרה איז געשטארבען נאר קערפּערליך, דאס הייסט איהר גוף וועלכען די תורה רופט אן קרית ארבע, ווייל ער איז צוזאמען געשטעלט פון די דערמאנטע פיר יסודות, הוא חברון, וועלכער עקסיסטירט נאר כל זמן די דאזיגע פיר יסודות זענען אין ארמאניע און באהעפט איינע צו די אנדערע, נאר דער דאזיגער גוף איהרער איז געשטארבען אבער איהר גייסט איז געבליבען לעבידיג, אזוי ווי אלע גוטע און פרומע לייטע שטארבען נור קערפּערליך נישט גייסטיג.

און דער דאזיגער גלויבען אין השארת הנפש איז איינע פון די וויכטיגסטע דאגמען אין אונזער אמונה, אהן דעם גלויבען אין השא״ת הנפש האט דאס גאנצע לעבען פונ׳ם מענש קיין שום ווערט, ווייל די אמונה אין השארת הנפש בריינגט טרייסט און צופרידענהייט צו די אלע וואס ליידען נויט און עלענד, קראנקהייט און ארעמקייט אין זייער ערדישען לעבען. דיזער גלויבען אין השארת הנפש בערוהיגט די געדאנקען פון אלע געפּלאגטע און פארצרה׳דיגע מענשען אויף דער וועלט, און גיט זיי האפנונג אויף א בעסערן לעבען אין א גייסטיגע וועלט, די אמונה אין השארת הנפש בערוהיגט די געדאנקען פון די אלע וואס קענען נישט געפינען די לייזונג אויף דער ארבער שאלה. וואס איז דער תכלית פונ׳ם מענש אויף דער נישטיגער וועלט, ווען סוף כל סוף, אויב ער לעבט שלעכט און ליידט פיל, אויב ער לעבט גוט און געניסט פון דיזער שעהנער און ליכטיגער וועלט, מוז ער זי פארלאזען און זי פארבייטען אויפ׳ן נאסען און פינסטערען קבר, די אמונה אין השארת הנפש, אין א גייסטיגען לעבען נאך דעם וואס דער קערפּער שטארבט אב, גיט דעם מענשען א צופרידענעם ענטפער אויף אלע פראגען וואס פלאגען די אלע וואס עס פעהלט זיי די דאזיגע אמונה:

יא, גרויסע מענשען וועלכע פארברייננגען זייער גאנצען לעבען נור מיט

1) בראשית ג׳.

נוטע מעשים שטארבען נישט, אויך דערמיט וואס זייערע מעשים טובים עקסיסטירען אויך נאך זייער אב לעבען, אזוי ווי אונזערע חכמים זאגען אונז אויפ'ן פסוק, ויבאה יצחק האהלה שרה אמו [1] און יצחק האט געבראכט זיין ' ווייב רבקה אין געצעלט אריין פון זיין מוטער שרה, שכל זמן ששרה קיימת ענן קשור על האהל ונר דלוק מערב שבת לערב שבת וברכה מצויה בעיסה ומשמתה פסקו וכשבאת רבקה חזרו [2]) וויפיל שרה האט געלעבט איז איבער איהר געצעלט געווען א וואלקען און א ליכט האט געברענט פון ערב שבת ביז ערב שבת און עס איז געווען די ברכה אין איהר טייג, ווען זי איז געשטארבען האבען די אלע דריי זאכען אויפגעהערט אבער ווען רבקה איז געקומען אין געצעלט פון שרה האבען זיי זיך צוריק בעוויזען.

וואס איז איינענטליך די בעדייטונג פון די דריי זאכען, ענן קשור על האהל, נר דלוק מע"ש לע"ש ברכה מצויה בעיסה, וואס מיינען די חכמי המדרש אונז צו זאגען דערמיט ?

איהר געדענקט מן הסתם פון דער פאריגער סדרה דעם ענפער פון אונזער פאטער אברהם אויף דער פראגע וואס דער מלאך האט איהם געפרעגט, איה שרה אשתך, אונזער אלטער פאטער האט גוט פערשטאנען די כונה וואס דער מלאך האט געהאט מיט דיזער פראגע און האט איהם קורץ און פעסט געענפערט, הנה באהל, ער האט געמיינט דער מיט צו געבען דעם מלאך א ענפער אויף זיין פראגע, אז אונזער מוטער שרה איז נישט פון די פרויען וועלכע קוקען נור אויף אנדערע, און ווען זי זעהט ווי אנדערע פירען זיך וויל זי זיך אויך אזוי פירען, די פרוי וואס אינטערעסירט זיך ווי אזוי אנדערע לעבען אזא פרוי דערזעהט באלד די נייע מאדעס און דעם לוקסוס פון אנדערע פרויען און פערלאנגט באלד בא איהר מאן דאס זעלבע נישט קוקענדיג דארויף צו קען ער איהר נאך קומען די אלע זאכען צו גיין, אזוי ווי מ'דערציילט אז א פרוי האט געזאגט צו איהר מאן, שוין צייט מיין מאן זאלסט מיר קויפען א נייעם זומער הוט און א ניי מאדע קלייד. אלע מיינע בעקאנטע טראגען שוין נייע הוטע און ניי מארע קליידער, פאר וואס מיין ווייב קוקסטו שטענדיג אויף דעם וואס טראגט און קיינמאל קוקסטי נישט אויף דעם וואס טראגט נישט? האט איהר דער מאן געענפערט, אדרבה, זאג מיר — האט זי איהם צוריק געזאגט, ווער א שטייגער טראגט נישט ? ווער, פרעגסטו ? די געשעפטען מיינע טראגען נישט, האט איהר דער מאן מיט א פעסטען טאן געענפערט..

אונזער היילינע מוטער שרה איז אבער נישט געווען פון די פרויען וואס קוקען אויף אנדערע, זי איז געווען פון די אמת"ע אידישע פרויען וואס עס נעהט

---

1) בראשית כ"ד. 2) בראשית רבה מובא ברש"י במקומו.

זיי גאנץ ווייניג אן וואס עס טוט זיך אין גאס, איהר גאנצער אינטערעס איז געווען איהר היימען הויז, איהר אייגענע ווירטשאפט, דאס מיינען אונ־זערע חז״ל מיט די ווערטער, ענן קשור על האהל, אונזער מוטער שרה׳ס געצעלט איז געווען אזוי ווי ארום גענומען מיט א געדיכטען טומאן, א געדיכטען וואלקען דורך וועלכען מ׳קען נישט קוקען ווייטער, אונזער מוטער שרה האט נישט געוואלט קוקען ווייטער פון איהר געצעלט, עס האט זי נישט אינטערעסירט דאס לעבען און די פיהרונג פון אנדערע, אונזער מוטער שרה איז געווען פון די דאזיגע אמת׳ע אידישע פרויען וואס אויף זיי איז געזאגט געווארען, כל כבודה בת מלך פנימה, איהר גאנצע טעהטיגקייט האט זי אויסגענוצט אז איהר הויז זאל געפיהרט ווערען לויט דעם אמת׳ן אידישען גייסט, און דאריבער איז טאקי געווען, נר דלוק מערב שבת לערב שבת׳ דאס אידישע ליכט האט איהר הויז שטענדיג בעלויכטען, זי האט אין איהר געצעלט נישט גע־לאזט אריין דרינגען קיין פאלשע ליכט פון דרויסען, פון איהר א־ומיגע שכנות.

אך, וואלטען אונזערע היינטיגע אידישע פרויען אויך נישט געלאזט אריין דרינגען אין זייערע הייזער קיין פאלשע ליכט פון דרויסען, וואלטען אונזערע היינ־טיגע אידישע פרויען אויך נור דאס אידישע ל־כט געלאזט שיינען אין זייערע הייזער, וואלט דאס גאנצע אידישקייט גאר אנדערש אויסגעזעהען, וואלטען אונזערע קינדער אויסגעוואקסען טרייע און אמת׳ע אידען, ליידער צינדען שוין א סך פון אונזערע היינטיגע פרויען נישט מעהר אן דאס אידישע ליכט בא זיי אין די הייזער און דאריבער האט דאס גאנצע אידישקייט א טרויריגען און מעלאנכאלישען אויס־זעהען בא אונז איצט...

און א סאך פאלשע און פרעמדע ליכט צינדען אונזערע פרויען אן אין זיי־ערע הייזער, א בושה, פאר א אידישער אינטעליגענטקע אן צו צינדען אין איהר הויז די שבת ליכט, דער אידישער טיש איז שוין אין א סך אידישע הייזער איצט נישט באצירט מיט די שעהנע זילבערנע אדער אפילו מעשענע פינקלענדיגע לאכטער לכבוד שבת אדער לכבוד יום טוב, דערפאר אבער צינדען זיי שוין אן אין די גוישע הנאות די יאלקי און באצירן זייערע טישען מיט דעם קריטשאן־בוים און בא דער שיין פון די דאזיגע פרעמדע ליכט ציהען זיי אויף זייערע קינדער וועלכע וואקסען אוים פרעמד פון אלע אידישע מנהגים...

און דאס הויז פון אונזער מוטער שרה, איז אויך געווען אפען פאר אלע הונגערונגע און נויטבעדארפטיגע, און האטש, אשה עיניה צרה באורחים, [1]) איז אונ־זער מוטער שרה געווען מילד פאר אלע הונגעריגע און אז אברהם האט געזאגט צו איהר ווען די מלאכים זענען געקומען צו איהם אין געשטאלט פון מענשען,

---

1) ב״מ. פ״ז.

מהרי שלש סאים קמח, [1]) האט זי געזאגט סולת, ווייל אונזער מוטער שרה איז געווען איבערציינט אז וואס מעהרער זי האט געגעבען הונגעריגע עסען, איז אלץ מערער געווען, ברכה מצויה בעיסה, אט די דאזיגע דריי זאכען וועלכע האבען באַשעהנט דאס געצעלט פון אונזער מוטער שרה, האבען זיך שפעטער באוויזען ווען רבקה איז געקומען אין איהר געצעלט, אונזער מוטער רבקה האט נאכגעפאלגט די מעשים פון שרה, איהרע מעשים טובים, האבען נישט אויף געהערט אויך נאך איהר קערפערליכען אב לעבען און דערפאר הייסט די סדרה וואס דערציילט פון אונזער מוטערס שטארבען חיי שרה ווייל צדיקים במיתתן קרוין חיים [2]).

---

1) בראשית י״ח. 2) ברכות י״ח.

# חיי שרה.

## ב.

## טעמא: נאכגעביגקייט און הארטנייגיקייט פון אידען.

דער שענסטער און אינטערעסאנטסטער קאפיטעל אין אונזער היינטיגע סדרה איז דער, אין וועלכען עס ווערט דערציילט ווי אזוי אונזער פאטער אברהם האט איבערגעגעבען זיין באגלייבטען דינער אליעזר די וויכטיגע מיסיאן צו ברייגגען וועגען זיין זון יצחק א ווייב פון זיין לאנד, און פון זיין משפחה, אזוי דערציילט אונז די תורה, ויאמר אברהם אל עבדו זקן ביתו המושל בכל אשר לו שים נא ידך תחת ירכי: ואשביעך בה' אלקי השמים ואלקי הארץ אשר לא תקח אשה לבני מבנות הכנעני אשר אנכי יושב בקרבי, כי אל ארצי ואל מולדתי תלך ולקחת אשה לבני ליצחק [1]) ווען מיר לערנען די דאזיגע פסוקים קומט אונז באלד אויף די געדאנקען זעהר א וויכטיגע פראגע, די תורה זאגט אליין עדות אויף דעם גרויסען צוטרויען וואס אברהם האט געהאט צו זיין טרייען דינער, אז ער איז געווען, המושל בכל אשר לו, אברהם האט אלעס איבערגעגעבען אין די הענד פון זיין טרייען דינער אזוי אז ער האט פערוואלטעט אלעס וואס ער האט פארמאגט, ווישע קומט וואס גראד איצט ווען ער האט איהם איבערגעגעבען די מיסיאן צו ברייגגען א פרוי פאר זיין זון יצחק, האט ער פון איהם פארלאנגט אז ער זאל איהם צו שווערען אז ער וועט זיין מיסיאן פינקטליך אויספירען, פאר וואס האט ער איהם דא אויך נישט געגלויבט אהן א שבועה.

עס איז דאריבער כדאי זיך צו פערטראכטען אביסעל טיפער אין דיזען ענין פון וועלכען מיר וועלען דא אויך זעהען דעם גרויסען גייסט פון אונזער פאטריאר־כאלישען פאטער אברהם, פונקט אזוי ווי ער זעהט זיך ארויס אין אלע זיינע האנדלונגען, אין אונזערע צייטען, ווען א איד, אפילו אזעלכער וואס עסט נישט קיין טריפות, קומט אריין אין א פרעמדער שטאט, נעהט ער עסען אין א אידי־שען רעסטוראנט, ער גלויבט דעם ווירט פונ'ם רעסטוראנט אז ער גיט איהם כשר עסען און ווען דער פרעמדער וויל שוין גאר יוצא זיין, פרעגט ער דעם ווירט צו ער האט א כשרע קיך, און אז יענער ענטפערט איהם יא, איז ער שוין גאנץ

---

1) בראשית כ"ד.

צופרידען ער גלויבט איהם אויפ'ן ווארט, אהן בעזונדערע חקירות ודרישות, דער איד עסט אב דעם אנבייסען מיט גרויס אפעטיט און אויף דעם דאזיגען סמך קומט ער שוין אויך דאס צווייטע און דאס דריטע מאל דארט עסען, ער גלויבט יענעם אויפ'ן ווארט, ווייל ווי אזוי גלויבט מען נישט א אידען אויף אזא קליינינ־קייט. ווען דער זעלבינער איד זאל אבער צו קומען צו איהם, נאך דעם וואס ער האט אבגעגעסען, און איהם זאגען, מיין ליבער הער איך בעט אייך איהר זאלט מיר לייען איינינע טויזענד ליי, ווייל איך האב זייער זעהר נויטינ, וועט ער איהם מן הסתם אנקוקען פערוואונדערט און איהם א פרעג טאן, ווי לייעט מען עס עפיס געלד איינעם וועלכען מ'קען נישט? איך מוז דאך צום ערשטען האבען חקירה ודרישה וועגען אייך, צו מעג מען אייך גלויבען אזא סומע געלד, דערפון ציינט זיך ארויס, אז וואס אנבעטריפט אין כשרות גלויבט איין איד דעם צווייטען אויפ'ן ווארט, חאטש אין געלד זאכען גלויבט ער איהם נישט, ווייל געלד אינטערעס שטעהט בא א אידען פיל העכער אלס רעליגיעזע ענינים, בא אונזער פאטער־אברהם איז אבער דיזער פאל נישט געוועהן, אדרבה, אויב ער האט זיין טרייען קנעכט געגלויבט אין געלד אינטערעסען אויפ'ן ווארט, ווען עס האט זיך אבער געהאנדעלט וועגען אזא וויכטינען ענין ווי צו נעמען א פרוי וועגען זיין זין יצחק, א פרוי וועלכע זאל זיך פאסען צו זיין כאראקטער אלס יצחק אברהמ'ס זין, האט איהם אברהם נישט געגלויבט אויפ'ן ווארט, און האט אויך פון זיין טרייען דינער פערלאנגט ער זאל איהם דארויף צו שווערען.

און אונזערע עלטערן פון פריהערען דור זענען אויך אזוי געווען, דאס בעווייזט אונז די געשיכטע פון אונזער איבער אכצען הונדערט יעריגען גלות, וואס אנבע־טריפט אין קערפערליכע ענינים, מאטעריעלע אינטערעסען, האבען זיי זיך נאכגע־געבען, ווען עס האט זיך אבער געהאנדעלט אין אמונה און דת, דארט האבען זיי נישט מותר געוועהן אפילו אויף א אהר, און האבען אויף דער קלענסטער זאך נעהאט מסירות נפש, איך וועל דארויף בריינגען נור איין היסטארישען פאקט און איהר וועט זיך איבערציינגען אויף וויפיל די דאזיגע בעהויפטונג איז א ריכטיגע.

אין דער היסטאריע פון אידען אין פוילען, איז בעקאנט דער נאמען פונ'ם קאפריזנעם פוילישען פרינץ ראדזוויל, דיזער פרינץ האט אלצדינק אויס־געפירט דורך זיין הויף - איד שכנא, ער האט פון איהם א מאל געפאדערט אום תמוז ער זאל פאר איהם מאכען א שליט וועגס, און דער אידעל האט עס איהם געמאכט, ווי אזוי? ער האט אויסגעשיט איינינע הונדערט זעקליך געמאלען זאלץ, און דער פרינץ איז געפאהרען אום תמוז אין א שליטען, אן אנדערס מאל האט דער פרינץ פערלאנגט פון שכנאן אים סאמע ווינטער אז ער זאל איהם געבען עפיל אבגעריסען פינ'ם בוים. און שכנא האט איהם אויך דיזען וואונש ערפילט.

ער האט צונעשפילעט מיט פינעזען (קנאפקים) גוטע און שעהנע עפיל צו די פארפרוירענע צווייגען, און האט געוויזען דעם פרינץ ווי ער רייסט איהם אב עפעל פונ'ם בוים, אזוי האט דער פרינץ אלעס אויסגעפירט בא זיין הויף איד שכנא. א מאל איז דער פרינץ געזעסען אין פאריז אין קאמפאניע מיט א חברה גוטע ברידער, איינער פון די חברה האט ארויף געבראכט די אידען פראגע אויפ'ן טיש, און האט ארומ־גערעד די עקשנות און הארטנייניקייט פון אידען. ווען דער פרינץ ראדזוויל האט דאס דערהערט, האט ער זיך זעהר צולאכט און האט געזאגט, וואס, ? אידען זענען הארטנייניק,? אדרבה אידען זענען ווייך ווי וואקס מ'קען זיי קנייטען און בויגען ווי מ'וויל, און האט,דערביי באמערקט. אז ס'איז נישט פאראהן איין זאך וואס ער זאל נישט קענען אויספירען בא זיינע אידען. ער דארף נאר ארוים זאגען זיין באגער און זיינע אידען דערפילען איהם באלד, איינער פון די גראפען מיט וועמען ער האט געשכורט האט זיך אויפגעהויבען און האט צו איהם געזאגט, איך קען זיך פארוועטען מיט דיר אז א דין דראדעל איז בא זיי שטארקער פון דיין ווילען, זיי האבען זיך פארוועט אויף א גרויסע סומע געלד, און די גאנצע קאמפאניע איז גלייך ארוים געפאהרען קיין פוילען, ווען זיי זענען געקומען פאר דעם פרינצ'ס שטעטיל, איז אויסגעקומען אום שבת, דער גראף וואס האט זיך פארוועט מיט'ן פרינץ איז אריין אין שטעטיל און האט פאררופען אלע אידען און זיי געגעבען פאהגען און צווייגען אין די הענד, זיי זאלען מיט זיי אקעגען געהען זייער פרינץ מיט זיינע פרוצים, וועלכע קומען איצט אריין אין שטעטיל, די אידען פונ'ם שטעטיל האבען באלד אויסגעפאלגט דעם דאזיגען באפעהל און זענען א קעגען געגאנגען מיט די פאהגען און צווייגען אין זייערע הענד, אבער פלוצים ווען זיי זענען צוגעקומען צו א געוויסען פונקט, זענען זיי אלע געבליבען שטעהען און זיך פון ארט נישט גערירט, פאר וואס געהט איהר נישט פאר־ווערטס? האט דער פרינץ אויסגערופען מיט כעס, די אידען האבען איהם געוויזען אז דא ענדיגט זיך דער ערוב, און ווייטער טארען זיי קיין זאך נישט טראגען, אומזוסט האט זיי דער פרינץ געשטרא־שעט אז ער וועט זיי דערפאר אלע ארוים טרייבען פונ'ם שטעטיל, ער וועט זיי שטרענגס באשטראפען, זיי האבען געשווינען, זיך פון ארט נישט גערירט און דער פרינץ האט די וועט פארשפילט.

אזוי זענען געווען אונזערע עלטערען און די פרירינע דודות' נאכגעבענ אויף מאטעריאלע ענינים אבער פאר עקשנ'ש אויף אמונה און גלויבען, אונזערע היינטינע אידען זענען אָבער פונקט פארקערט, שטארק נאכגעבען אויף אמונה און רעליגיעזע ענינים, און הארטנייניק אויף אמונה, אז די פרנסות זענען שלעכט שרייט יעדער, דער עקאנאמישער קריזיס באשעפטיגט אלע מוחות, אבער וועגען דעם וואס דאס גייסטיגע אידענטום צאנקט, חענען דעם וואס דאס ליכט פון דער

אידישער תורה ווערט אויסגעלאשען, ווענען דעם וואס טהרת המשפחה איז בא אונז פֿארנאכלייסיגט, ווענען דעם וואס מ'טרעט מיט די פיס די הייליגקייט פון שבת, און אלע אונזערע הייליגטימער ווענען בא אונז געבליבען צו שפּאָט, ווענען דעם וואס דער אידישער חנוך איז בא אונז אזוי פארלאזט, ווענען דעם אלעמען רעדט קיינער נישט א ווארט.

מיר דארפען נעמען אלס מוסטער אונזער פאטריארכאלישען אלטען פאטער אברהם, בא איהם ווענען די גייסטיגע אינטערעסען געשטאנען פיל העכער אלס זיינע מאטעריעלע אינטערעסען, די גאטהייט איז בא איהם געשטאנען אין דער ערשטער רייע און די מאטעריעלע ענינים ווענען בא איהם געוועון א טפל, דאס איז דער אמת'ער וועג וואס מיר, זיינע קינדער, דארפען נאך פאלגען...

# לקוטים ממבחר הדרוש·

## על הפסוקים ומאמרי חז"ל והענינים הנזכרים בהדרשות הקודמות

# חיי שרה·

## לדרוש א.

א) בגמרא (ברכות י"ח) כי החיים יודעים שימיתו, אלו צדיקים שבמיתתן קרוים חיים, והמתים אינם יודעים מאומה, אלו רשעים שבחייהם קרוים מתים. ראוי להזכיר פה צחות נאה, מגאון אחד, רב באחת מערי ליטא שלרגלי איזה ענין בא פעם לעיר קעניגסבורג בגרמניא, והתראה עם הרב הריפורמי דשם, גלוח זקן, מחלל שבת ואוכל טריפות וכדומה מן המדות המשבחות שהיו לרב ריפורמי זה, ובשיחתם ע"ד איזה ענין שאל לו הגאון, אמור נא לי רב נכבד הראשי תיבות של רבנים? הרב הריפורמי לא ידע מה להשיב לו ע"ז, אז ענה הגאון אני אומר לך הר"ת של רבנים שהוא רשעים בחיים נקראים מתים, הלא במלת רבנים יש גם יוד, תמה הרב הריפורמי על הדבר, ע"ז השיב לו הגאון, הר"ת אלו הם רק בעד רבנים כאלה שאין „יוד" בתוכם... [1])

ב) במס' (תענית ה') ר' נחמן ב"ר יצחק הוו יתבי בסעודתא א"ל ר"נ לר"י לימא מר מילתא, אל הכי אמר ר"י אין מסיחין בסעודה שמא יקדים קנה לושט ויבא לידי סכנה, בתר דסעיד א"ל הכי אמר ר"י, יעקב אבינו לא מת, וכו' נראה בהבנת מאמר זה מבלי להרבות בו הדקוקים הידועים, שני קדושי עליון אלו כאשר ישבו לאכול, עלה על דעת אחד מהם, לשאל על תכלית האכילה והשתיה וכל תענוגי החומר שדם רק כדי לפטם את הגוף לעשותו פימה עלי כסל שסופו לירד שחת, וע"ז אמר ר"נ לר"י לימא מר מלתא, ר"ל שיאמר לו מלתא בטעמא על תכלית האכילה ושתיה, וע"ז השיב לו ר"י בשם ר' יוחנן, אין מסיחין בסעודה, ר"ל אין להרבות בשאלות וחקירות ע"ד האכילה ותכליתה, שמא יקדים קנה לושט ר"ל שמא ברבות החקירה על תכלית האכילה ושתיה ימאס אותם כי יראה שכל אלה מרבים ריעי וזבל, ויבא ע"ז להקדים קנה לושט והוא משל על מעלות התורה והתפילה היוצאים דרך הקנה, על האכילה ושתיה שהוא מכניס דרך הושט, ובלא אכילה ושתיה יסתכנו, אבל בתר דסעיד בא ר"י להשיב לו על השאלה, למה לנ

1) שמעתי.

לאדם באמת לכלות זמנו באכילה ושתיה ולפטם את גופו שהוא קצר ימים וימיו כצל עובר, ואמר לו אמת כי גוף האדם ימות אבל נשמתו חי' וקיימת גם אחר מותו וע"ז אמר לו, יעקב אבינו לא מת, ואף שראינו כי חנטו וספדו אותו הנה כ"ז עשו רק לגופו, אבל לא לנשמתו, ולחיי הנשמה שאחר מותו דרוש קיום הגוף בזה העולם לסגל מצות ומע"ט, ולקיום הגוף דרוש אכילה ושתיה, ועל אופן זה, סרו כל הקשיות שהקשו המפרשים במאמר זה [1].

ג) כי עפר אתה ואל עפר תשוב (בראשית ג') ובמדרש, אמר הקב"ה לאדה"ר קומץ עפר שנבראת נזולה בידך לכן ואל עפר תשוב, ולכאורה קשה, הלא גזלן קנה בשוי מעשה וגם כאן הלא פנים חדשות בא לכאן, כי הלא הקומץ עפר נעשה תבנית אדם המעלה ואין לך שנוי מעשה גדול מזה א"כ למה ישיב האדם לעפרו ע"י הקומץ עפר שנגזלה בידו? ונראה ע"פי מ"ש (ב"ק צ"ז) וכן הדין (בחו"מ ס"ש"ד ס"ה) האי מאין דגזל עפרא מחבריה ועשי' לבינתא לא קני, מ"ט? דהדר משויא ליה עפרא והיה שנוי החוזר לברייתו ולא קנה, וז"ש, כי עפר אתה, עפר גזולה בידך, וא"ת שאתה קונה בשנוי מעשה יען כבר נעשת מהעפר אדם, לז"א ואל עפר תשוב, כי הוה שוי החוזר לקדמותו ואינו קונה [2])

ד) ויבאה יצחק האהלה שרה אמו, ויקח את רבקה ותהי לו לאשה ויאהבה (בראשית כ"ד) קשה למה ספרה התורה כי אהב אותה ומה באה ללמדנו בזה? וי"ל כי התורה תשמיענו בזה צדקת אבינו, כי רק אחר שלקה אותה ותהי לו לאשה אח"כ ויאהבה, (וכן נהגו אבותינו בדורות הקודמים, המחבר) ולא כמו שנראה בדור סורר ומורה של היום שהאהבה קודמת לנשואין כמה שנה, וכ"ש כאשר עושים אירוסין שהחתן נותן טבעת להכלה, לא כמנהג אבותינו ע"י קנין וכתיבת תנאים... הנה מצינו ברבקה כשראתה את יצחק לקחה הצעיף ותתכס וזה מדת צניעות שלא להראות טפח מגולה, ובימינו התפשטה המספחת לבא לסעודת מרעים אנשים ונשים ומלבושי תועבה, ובנות עם סגולה, באות חשופי זרוע וטפח מגולה, וראיתי בכה"ע כי גם כומר אחר נוצרי קרא תגר ע"ז ומחה נגד הפריצות המגולת הזאת, ומי יתן וישימו זאת על לבם, מנהיגי עם קודש, להוכיח בשערים, לבצר הגדרים, בתוך עם ישרים, להיות מזה נזהרים [3])

ה) בגמרא (ב"מ פ"ז) כתיב קמח וכתיב סולת, א"ר יצחק מכאן שהאשה עיניה צרה באורחים יותר מן האיש. במשאי אשר נשאתי בעיר יאסי בבהכ"ת קאטענבורג שבת חזון תרצה, הזכרתי המאמר הזה והקשיתי, למה תהיו באמת עיני האשה צרה באורחים יותר מן האיש, הלא הוא יתעמל על פרנסתו והוא יודע עד כמה קשין מזונותיו של אדם, בעוד שהאשה עפ"י רוב איננה יודעת בפרטיות מכל העמל

---

1) התורני המנוה ר' יהודא ליב שטילמאן ע"ה טארוטינא. 2) הנה"ק ר' שעפטיל זי"ע. 3) הרה"ג ר' צבי הירש פארבער לונדאן.

והטורח שיתעמל בעלה על פרנסתו, ולמה תהי׳ איפא עיניה יותר צרות באורחים מעיני אשה?

וי״ל הנה מצינו לרבותינו ז״ל שדרשו עה״כ, עשר תעשר, (דברים י״ד) עשר בשביל שתתעשר (תענית ט׳) שמזה נראה שלרגלי הצדקה שאדם נותן, יתברך בהון ועושר, וכמו שאמרה התורה, נתון תתן לו וגו׳ כי בגלל הדבר הזה יברכך ה׳ אלקיך בכל מעשיך ובכל משלח ידך (דברים ט״ו) וכן אמר הנביא, ובחנוני נא בזאת אמר ה׳ צבאות הביאו את המעשר אל בית האוצר אם לא אפתח לכם אריבות השמים והריקותי לכם ברכה עד בלי די (מלאכי ג׳) הנה הנביא יעיר לנו אזן בדבריו אלה על ענין נכבד מאד בעסק הצדקה, כי לא די שמי שחננו ה׳ בהון ועושר וידו פתוחה לחונן דלים, הרבותא הוא, איש שהוא בעצמו אינו עשיר כל כך, פרנסתו דחוקה ומצומצת בכל זאת יפתח את ידו לתמוך עני ורש, וכמו שאמרו (אבות פ״א) יהי׳ ביתך פתיח לרוחה ויהיו עניים בני ביתך, ר״ל אף בשעה שב״ב הם עניים בכל זאת לא תביט ע״ז, רק ביתך יהי׳ פתוח לרוחה לכל נדכה ונענה ותחלק עמהם את ארוחתך הדלה, זאת היא מעלת הצדקה האמתית [1]) וכמו שפירשו את המאמר, המלוה סלה לעני בשעת דחקו עליו הכ״א אז תקרא וה׳ יענה (יבמות ס״ג) שהכונה בשעת דחקו של הנותן, פי׳ בשעה שגם לו הזמן דחוק מאד [2]) וזה שאמר הנביא, ובחנוני נא בזאת אמר ה׳ צבאות, הביאו את המעשר אל בית האוצר, אם לא אפתח לכם אריבות השמים, פירוש טרם פתחתי לכם אריבות השמים להשפיע לכם הון ועושר, גם אז מן המעט שיש לכם תביאו את המעשר אל בית האוצר. אז, אם תעשו ככה, והריקותי לכם ברכה עד בלי די [3]) דוגמא למה שאמרו ז״ל (אבות) כל המקיים את התורה מעוני סופה לקיימה מעושר, וכן זה שיתן צדקה גם בעת שלו בעצמו דחוקא שעתא, תהי׳ זאת שכרו שהקב״ה ישפיע לו הון ועושר ויכל לקיים מצות צדקה מתוך עושר וכבוד.

עכ״פ נראה שסגולת הצדקה היא להרבות הון ועושר של הנותן, והנה מצינו בגמרא (ב״מ נ״ט) שאמר רבא לאינשא מחוזא, הוקירו לנשייכו כי היכי דתתעתרו, הנה מזה נשמע עוד סגלה לעשירות, לכבד ולהוקיר את הנשים להרבות להן עדי תפארת וע״ז ישנו בעליהם עשירות לפ״ז תבא האשה בטענה לבעלה, למה לך להרבות בצדקה, הלא תועלת הצדקה היא להשיג ע״י הון ועושר, א״כ למה לך לפזר ממונך לזרים מוטב שתוקיר ותכבד אותי בשלמות משי ועדי זהב ומרגליות טובות וע״ז תשיג ג״כ עשירות, ומטעם זה, אשה עיניה צרה באורחים, כי לפי דעתה טוב יותר לפזר עליה כספו של בעלה מלפזר את ממונו על דברים שבצדקה בעד אחרים [4])

---

1) ד״ע. 2) ע׳ לעיל צ״ד 95 אות ג. 3) מצאתי בשם גאון אחד. 4) הגאון ר׳ הלל ל״ש מקאלימיי.

ועפ"ז יש לפרש כונת דברי המשורר, (תהלים מ"ט) אל תירא כי יעשיר איש כי ירבה כבוד ביתו, כי לא במותו יקח הכל לא ירד אחריו כבודו, המשורר בא בדבריו אלה לגלות לנו הענין האמור, כי הנה החלוק בין העשירות שאדם ישיג ע"י שירבה בצדקה לעניים ובין העשירות שישיג ע"י שיוקיר את אשתו בפנינים ועדי תפארת היא בזה, כי בקיימו מצות הצדקה מלבד העשירות שישיג ע"י, הנה יש לו ג"כ שכר גדול בעולם הגמול, אבל ע"י מה שירבה כבוד אשתו, אפשר שישיג עשירות בעולם הזה, אבל העשירות הזאת לא יקח אתו בקבר כי יעזוב לאחרים הילו יצבור ולא ידע מי יאסף, וז"ש המשורר, אל תירא כי יעשיר איש כי ירבה כבוד ביתו, ר"ל אל יביט אדם בעיני קנאה על זה שיתעשיר ע"י שירבה כבוד ביתו זו אשתו כמ"ש ז"ל (יומא ב') ביתו זו אשתו. יען כי מן העשירות הזאת לא במותו יקח, וגם לא ירד אחריו כבודו, לא כן מי שיתעשיר ע"י מצות הצדקה, אמת כי גם הוא לא יקח אתו מן העשירות הזאת, אבל כבודו ירד אחריו, כי מצות הצדקה תלוהו לבית עולמו [1])

ואחר שנודע לנו הטעם מפ"מ אשה עיניה צרה באורחים, אמרתי בדרך צחות שאפשר שעי"ז אמרו חכמינו ז"ל כל המלמד את בתו תורה כאלו מלמדה תפלות, (סוטה כ"א) כי אם תלמוד תורה תדע ג"כ ממאמר רבא הנ"ל שאמר לבני מחוזא, הוקירו לנשייכי כי היכי דתתעתרו, ותמנע עי"ז את בעלה ממצות הצדקה. לכן מוטב שלא תלמוד ולא תדע ממאמר רבא זה . . .

והנה הנשים השאננות בזמננו אף שאינן לומדות תורה ואינן יודעות ממאמר רבא הנ"ל, בכל זאת אם לא נביאות הן בנות נביאות הן וגוזרות על בעליהן לבל יפזרו את ממונם לדברים שבצדקה רק להרבות כבוד תפארתן בשלמות משי ועדי זהב. לפי המדות היותר חדשות, ותוצאות הדברים אינם כמו שאמר רבא לבני מחוזא, רק כמו שאמרו רז"ל במקום אחר, שלשה דברים מרחיבין דעתו של אדם אשה נאה, דירה נאה, כלים נאים (ברכות נ"ז) אבל לפי הגירסה החדשה בזמנינו, מחריבין דעתו של אדם.. [2])

---

1) הנ"ל. 2) ד"ע.

# חיי שרה.

## לדרוש ב.

א) ויאמר אברהם אל עבדו זקן ביתו, המושל בכל אשר לו (בראשית כ״ד) אליעזר עבד אברהם למד כל המדות הטובות והישרות מאדוניו, וגם זאת למד ממנו, כי כל הקנינים והרכוש שיש לו יהיה הוא המושל עליהם, לא כאותן בני אדם שאם ברכם ה׳ בהון ועושר אז הם מושלים עליו ויטהו מן הדרך הטובה, וזה שהודיעה התורה ממעלת עבד אברהם זקן ביתו שהיה המושל בכל אשר לו, שמשל על קניניו ועשרו. [1]

ב) והנני להעתיק כאן מה שאמרתי פעם בדרשתי בעיר יעדעניץ. הנה חכמי הסוד אמרו כי הנקידה היותר נכבדה בין העשר תנועות הוא הסגול, מלשון סגולה, והוא מורכב משלשה נקידות הרומזות על הקשר המשלש המובא בזוהר, (פ׳ נשא) הקב״ה, אורייתא וישראל, ואיתא במדרש (מובא בספרים) עה״כ, עִמוֹ אנכי בצרה (תהלים) א״ת בְּצָרָה אלא בְּצֵירֵי, וג״ל בכונת המדרש הזה, כי מעת שגלינו מארצנו בגלות המר, נתקיים בנו פעמים רבות מ״ש בתוכחה, ואנכי הסתיר אסתר כי כמה פעמים ראינו הסתרת פנים וכאלו סר הקב״ה את השגחתו מעלינו ח״ו, וכטענת ההוא מינא לפני הקיסר רומא בעמדו לפניו ר׳ יהושע בן חנניא. כי אנחנו, עמא דהדרי מריה אפי׳ מיני׳ (חגיגה ה) ולפי״ז נראה כאלו חסרה נקידה אחת מן הסגול ונעשה ממנו צירי, ע״ז יאמר המשורר בשם ה׳, עמו אנכי בצרה, ואמרו ע״ז חז״ל א״ת בצרה אלא בצירי, ר״ל אף בשעה שנראה ח״ו כאלו חסרה נקידה אחת מן השלשה נקידות המורים על הקשר המשלש של הקב״ה, אורייתא וישראל, ונשאר מן הסגול רק צירי, כי צרות גדולות אפפונו וכאלו יש הסתרת פנים לגמרי ח״ו, לא נחשוב שהשי״ת עזב אותנו ח״ו לגמרי אלא עמו אנכי אפילו בצירי והבן. [2]

והנה כשם שהסגול הוא לפי דעת חכמי האמת הנקידה היותר משובחת כך הוא הקמץ הנקידה היותר פחותה, כי הוא מורה על קמצנות וכלות ולכן הוא בא תמיד בסוף המאמר או הפסוק להורות על קץ וסופו של הרעיון [3] ומעתה יש לשאול, הלא הזהב הוא טוב יותר מן הכסף, והיה מן הראוי שהזהב יהי׳ מנוקד עם הנקידה היותר משובחת ולמה איפא זהב הוא מנוקד בקמץ שהיא הנקידה היותר פחותה? ע״ז באו בעלי המוסר ואמרו כי רעיון מוסרי גדול טמון בזה, כי הנה אמת שהממון הוא נחוץ מאד לבני אדם, ועוד אבינו הראשון השתמש בהם וקנה חלקת השדה אשר לעפרון בן צוחר החתי בעד ארבע מאות שקל כסף לסוחר, ולדעת חכמינו ז״ל היה אברהם אבינו אחד מן הארבעה שיצאו להם מוניטין בעולם (ב״ר פל״ט)

---

1) ד״ע. 2) מצאתי. 3) מצאתי.

אולם כל זה הוא טוב רק במדה וקצב, אבל העשירות המופלגת הוא רע לאדם כי נסיון העושר הוא קשה מאד ומעטים יוכלו לעמוד, בו והרוב מבני אדם העשירות תעביר אותם על דעת קונם כמ״ש חז״ל עה״כ ודי זהב (דברים א׳) בשביל די זהב שהשפעת להם גרמת להם שעשו את העגל, וכן הוא מאז מעולם, מי שיש לו רכוש גדול יעשה לעצמו עגל זהב אשר ישתחוה לו ויכרע לפניו ברך, לפי״ז מי שרכישו הוא בבחינת כסף שהיא הנקודה היותר מובחרת הוא משל על רכוש, מוגכל מנוקד בסגל, אבל מי שרכישו הוא בבחינת זהב, ר״ל עשירות מופלגת שהוא משל על עשירות מופלגת הוא מנוקד בקמץ שהוא נקידה פחותה וגרועה.

והנה שלמה המלך אמר, יש עושר שמור לבעליו לרעתו (קהלת ג׳). כי מי שיש לו הון ועושר והוא יודע למשול על רכישו לעשות בו צדקה וחסד לתמוך עניים, לעזור לכל נדכה ונענה. בודאי העשירות הוא לטובתו, אולם הרוב מבני אדם כשיתברכו בהון ועושר מופלג אז נעשה הרכוש וההון למושל עליו כי יטהו מן הדרך הטובה למלא בו כל תאותיו כמ״ש הנביא, וכסף הרביתי להם, וזהב עשו לבעל, ר״ל שעשו את הזהב לבעל ומושל על עצמם, וז״ש החכם מב״א, יש עושר שמור לבעליו, ר״ל עשירות כזאת השמורה לאדם להיותה בעל ומושל עליו, בודאי הוא לרעתו, כי רק עשירות כזאת שאדם יוכל למשול עליו הוא לטובתו ואשרו. [1]

ד) ויאמר אל עבדו זקן ביתו (בראשית כ״ב) י״ל ע״ד הצחות, כי אליעזר היה זקן ביתו של אברהם אבינו הדולה ומשקה מתורת רבו לאחרים, אמר אולי לא תאבה האשה ללכת „אחרי״ ותהיה מאותן הדורשות משפט הקדומה כמו או״ה המגבירים שמאלא על ימינם ונוקבא על דוכרא, לתת לנשים משפט הקדומה היפך דעת תוה״ק, והוא ימשול בך, וגבי אליעזר כתיב נמי „המושל בכל אשר לו״ כמ״ש חז״ל, אשר יחסר לו, זו אשה, הוא העיקר והיא רק לעזר לו ברוכי ה׳, ואמר לו אברהם אבינו, אם לא תאבה האשה ללכת „אחריך״ ונקית משבועתי, כי חפצי באשה צנועה וכשרה, וחז״ל אמרו, אחורי ארי ולא אחורי אשה, אפילו באשתי, ולבן ובתואל אמרו, דנה רבקה „לפניך״, וע״ז האופן קח ולך, ויאמר אליהם, אל „תאחרו״ אותי, וה׳ הצליח דרכי, ר״ל למה תשימונו „לאחור״ נגד דעתי הלא תראו כי ה׳ אתי, ויאמרו נקרא לנערה ונשאלה את פיה, התלכי עם האיש הזה, ר״ל שיהיה הוא קודם (כמו״ש התוי״ט בפ״ב דאבות, יפה ת״ת עם דרך ארץ, שהד״א קודם בזמן לת״ת) להורות שהאיש עיקר ואת תהיה טפלה לו, ותאמר אלך, ולבסוף כתיב, ותקם רבקה ונערותיה ותלכנה „אחרי״ האיש, כמנהג ביתו של א״א בצניעות וקדושה וד״א [2]

---

1) ר״ע. הרה״ג ר׳ צבי פארבער בשם הגאון יט״ב. 2)